**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/3/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער א ביל וואס ציהלט צו אדרעסירן די מינימום עלטער פון לייפגאַרדס אין ניו יארק סטעיט**

***די ביל (S.6467-A/A.5821A) באשטימט אז לייפגאַרדס אין קינדער קעמפס קענען זיין מינימום 15 יאר אלט אויב זיי זענען אונטער דירעקטע אויפזיכט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז זי האט אונטערגעשריבן א וויכטיגע ביל צו אדרעסירן די מינימום עלטער פון לייפגאַרדס אין קינדער קעמפס. די ביל (S.6467-A/A.5821A) וועט פארלאנגען אז לייפגאַרדס אין קינדער קעמפס זאלן זיין צום וויניגסטנס 17 יאר אלט, אבער אז ביז אזויפיל ווי 50 פראצענט פון די פארלאנגטע צאל לייפגאַרדס אין דינסט קענען זיין צום וויניגסטנס 15 יאר אלט אויב זיי געפונען זיך אונטער די אויפזיכט פון א קעמפ וואסער אקטיוויטעטן דירעקטאר. לייפגאַרדס וועלכע זענען פארלאנגט ביים שווימען אין וואסערן וואס זענען נישט א געבויטע שווים באסיין מוזן זיין צום וויניגסטנס 18 יאר אלט.

"עס קומט זיך פאר ניו יארקער א געלעגנהייט צו הנאה האבן זיכערערהייט פון אונזערע הערליכע ים בארטנס און קעמפס אריבער די סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די ביל וועט העלפן אדרעסירן די מאנגל אין לייפגאַרדס בשעת'ן פארזיכערן אז אונזערע קינדער און ניו יארקע שכנים זענען אונטער אויפזיכט און זיכער אין די וואסערן דעם זומער."

כדי צו אדרעסירן די מאנגל אין לייפגאַרדס אין ניו יארק סטעיט, ערלויבט די ביל (S.6467-A/A.5821A) צו אויסברייטערן די גרופע מענטשן וועלכע קענען ווערן לייפגאַרדס ביי זומער קעמפס וואו קינדער שלאפן איבער, דעי קעמפס און ארומפארנדע זומער קעמפס פאר קינדער.

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר עלטערן אין ניו יארק צו האבן די רואיגקייט פון וויסן אז זייערע קינדער זענען זיכער און אונטער די נויטיגע אויפזיכט ווען זיי גייען אין זומער קעמפ, באזונדערס ווען זיי שווימען און באטייליגן זיך אין וואסער אקטיוויטעטן. לייפגאַרדס אין ניו יארק זענען גוט טרענירט און אויסגעשטאט זיך צו אפרופן און ראטעווען לעבנס אין פאל פון עמערדזשענסי. די ביל וועט האלטן שווימער אין קעמפ זיכער בשעת'ן גיבן געלעגנהייטן פאר מער יונגע מענטשן וועלכע זענען אינטערעסירט צו ווערן א לייפגאַרד."

**ניו יארק סטעיט פארקס אפיס קאמישאנער, עריק קולעסעיד, האט געזאגט,** "לייפגאַרדס זענען קריטיש צו פארזיכערן זיכערע און הנאה'דיגע ערפארונגען ביי א ברייטע רייע פון שווימען איינריכטונגען אין ניו יארק. איך אפלאדיר גאווערנער האקול און די סטעיט לעגיסלאטור פארן באשטעטיגן די מאסנאם צו פארברייטערן די צאל לייפגאַרדס אריבער די סטעיט. אלץ א געוועזענער לייפגאַרד ביי די הערימען סטעיט פארק, מוטיג איך יונגע ניו יארקער צו גיין ווערן א לייפגאַרד פאר א וועג צו פארדינען געלט, זיך איינהאנדלען ווערטפולע ארבעט ערפארונג און צו באדינען די פובליקום."

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סקופּיס האט געזאגט,** "ניו יארק געפונט זיך אין א גרויסע לייפגאַרד מאנגל, אריינרעכענענדיג ביי אונזערע זומער קעמפּס. אונזער ביל צו אראפּנידערן די מינימום עלטער פון לייפגאַרדס אין קעמפּס פון 16 צו 15 וועט אונז העלפן אויסברייטערן די גרופּע פון בארעכטיגטע וואסער זיכערהייט פראפעסיאנאלן, העלפן מער צענערלינגען זיך פארשאפן באדייטפולע ארבעט פאר די זומער און האלטן ניו יארק'ס קעמפּערס שווימענדיג פרייליכערהייט. איך אפּלאדיר די גאווערנער פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע מאסנאם."

**אסעמבלי מיטגליד טשארלס ד. לאווין האט געזאגט,** "שטייענדיג אין אן אנגייענדע מאנגל אין לייפגאַרד אפּליקאנטן, וועט דער נייער געזעץ וואס איך האב אריינגעגעבן צו די אסעמבלי העלפן האלטן קינדער אין זומער קעמפּס אין ניו יארק סטעיט פארזיכערט. סיי וועלכע זארגן וואס מענטשן קענען מעגליך האבן איבער די עלטער ווערנדיג אראפּגענידערט ווערן בארואיגט דורך די פאדערונג אז די לייפגאַרדס וועלן נאכאלץ דארפן אריבערגיין די זעלבע פארלאנגען און זיך פארדינען די זעלבע סערטיפיקאציעס ווי עלטערע לייפגאַרדס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן